### קען איך אפשטופן דעם היירינג?

יא. איר מעגט "אפשטופן" דעם היירינג אויב איר האט א גוטע סיבה. איר מוזט ערקלערן די סיבה צו די ALJ און די ALJ וועט באשטימען אויב עס איז יא אדער נישט גענוג. ביישפילן פון גוטע סיבות זענען:

1. איר האט אן עמערדזשענסי.
2. איר ווילט אן אדוואקאט און האט נאכנישט געקענט באקומען איינס.
3. איר האט זיך נאכנישט געקענט טרעפן מיט אייער אדוואקאט.
4. איר ברויכט מער צייט צו צאמנעמען באווייז.

אויב מעגליך, זאלט איר בעטן אפצושטופן איידער דעם היירינג דאטום דורך שרייבן אדער רופן די ALJ אפטיילונג.
אויב די ALJ גיבט נישט אן ערלויבעניש אפצושטופן איידער דעם היירינג, מוזט איר גיין צו דעם היירינג און פערזענליך פאדערן אפצושטופן. אויב איר קענט נישט גיין אליין, מעגט איר שיקן א פארשטייער צוזאמען מיט אן אונטערגעשריבענע ערקלערונג פארוואס איר האט נישט געקענט קומען. אויב די ALJ נעמט נישט אן אייער פארלאנג אפצושטופן, וועט די ALJ פארהאלטן דעם היירינג.

### וואס פאסירט אויב איך פארפאס א היירינג?

אויב איר פארפאסט דעם היירינג, מעג די ALJ פארהאלטן דעם היירינג אן דיר און באשליסן אייער קעיס אן הערן אייער צד.

אויב איר פארפאסט דעם היירינג פאר א גוטע סיבה (צ.ב., איר האט געהאט א מעדיקעל עמערדזשענסי אדער נישט געהאט קיין לעגאלע פארשטייער), קענט איר זיך איינגעבן צום DOL צו ווידערעפענען אייער קעיס, אזוי אז דער ALJ זאל הערן אייער צד. אויב דער ALJ טרעפט אז איר האט געהאט א גוטע סובה, וועט ער/זי עס ווידערעפענען.

### וואס פאסירט אויב אייער געוועזענער ארבעטסגעבער פארפאס א היירינג?

אויב איר פארלאנגט דעם היירינג אבער אייער געוועזענער ארבעטסגעבער פארפאסט עס, מעג דער ALJ פארהאלטן דעם היירינג און באשליסן אייער קעיס אן זיך רעכענען מיט זייער צד. נאכ'ן היירינג, קען אייער געוועזענער ארבעטסגעבער זיך איינגעבן צו ווידערעפענען דעם קעיס. אויב דער ALJ טרעפט אז אייער געוועזענער ארבעטסגעבער האט געהאט א גוטע סיבה, וועט ער/זי עס ווידערעפענען.

אויב אייער געוועזענער ארבעטסגעבער פארלאנגט דער היירינג אבער פארפאסט עס, וועט דער ALJ אויטאמאטיש באשליסן דער קעיס אין אייער טובה.

### ווען וועל איך באקומען דעם ALJ'ס באשלוס?

איר זאלט באקומען א באשלוס דערין דריי וואכן. אויב נישט, זאלט איר רופן דער DOL אדער דער ALJ אפטיילונג וואו איר האט געהאט אייער היירינג (דער טעלעפאן נומער איז אויף דער מעלדונג פון היירינג).

### וואס פאסירט אויב איך בין נישט איינשטימיג מיטן ALJ'ס באשלוס?

איר קענט אפעלירן דער ALJ'ס באשלוס. אן אפיעל איז א פארמאלע פארלאנג צו א "העכערע" שטאפל, אנגערופן דער **אפיעל באורד** צו איבערקוקן אויב דער ALJ'ס באשלוס איז ריכטיג. איר קענט פארלאנגען אן אפיעל דורך אדער 1) אריינגעבן א אויסגעפולטע בויגן צום אפיעל באורד, אדער 2) שיקן א בריוו צום DOL זאגנדיג אז איר ווילט אפעלירן דעם באשלוס. אייער פארלאנג מוז זיין פאסט-געסטעמפלט ביז 20 טעג פונעם דאטום וואס איז געדרוקט אויפ'ן ALJ'ס באשלוס.

אייער געוועזענער ארבעטסגעבער קען אויך אפעלירן. אויב איר ערשיינט נישט ביים היירינג, קענט איר נישט אפעלירן דער ALJ'ס באשלוס, אבער איר קענט פארלאנגען אז דער ALJ זאל ווידערעפענען אייער קעיס.

### וואס פאסירט ווען א באשלוס ווערט אפעלירט?

נאך איר גיבט אריין אייער פארלאנג פאר אן אפיעל, קענט איר אריינגעבן א געשריבענע דערקלערונג צום אפיעל באורד וואס ערקלערט פארוואס דער ALJ'ס באשלוס איז נישט ריכטיג. אן אדוואקאט אדער איינער אנדערש קען אייך העלפן צוגרייטן אייער דערקלערונג. אייער געוועזענער ארבעטסגעבער וועט אויך זיין ערלויבט אריינצוגעבן א דערקלערונג.

איידער איר גיבט אריין אייער דערקלערונג, זאלט איר איבערקוקן דעם טראנסקריפט פון אייער היירינג. (דער טראנסקריפט איז דער שריפטליכע רעקארד פון אלעס וואס איז געזאגט געווארן ביים היירינג.) איר קענט באקומען דעם טראנסקריפט דורך שרייבן צום אפיעל באורד נאך איר באקומט א "מעלדונג פון דערהאלטונג פון אפיעל" און איידער אייער דערקלערונג דארף אריינגעשיקט ווערן. איר זאלט פרעגן דעם אפיעל באורד וועלכע דאטום דער טראנסקריפט וועט זיין גרייט און אויב איר קענט אריינגעבן אייער דערקלערונג צוואנציג טעג נאך דעם דאטום. אויב דער אפיעל באורד טרעפט אז עס איז דא א פראבלעם מיט אייער היירינג, וועט עס צוריקשיקן אייער קעיס צוריק צום ALJ פאר נאך א היירינג אדער וועט עס אליינס מאכן א היירינג. אויב דער אפיעל באורד באשליסט אז דער ALJ'ס באשלוס איז נישט ריכטיג, וועט עס איבערקערן דעם באשלוס.

### וואס איז אויב איך געווין אבער מיין געוועזענער ארבעטסגעבער אפעלירט?

אייער געוועזענער ארבעטסגעבער (אדער דער DOL) קען אפעלירן א באשלוס באשטימט לטובת אייך. איר קענט אריינגעבן א שריפטליכע דערקלערונג צו קעגנשטעלן דעם אפיעל. אויב איר גיבט אריין אזא דעקלערונג, וועט איר האבן די זעלבע רעכטן אזוויי איר האט פארלוירן דעם היירינג און אליינס געברענגט אן אפיעל. צום ביישפיל, איר קענט איבערקוקן דעם טראנסקריפט און/אדער זיך אדורכרעדן מיט אן אדוואקאט.

***אויב דער אפיעל באורד קערט איבער א באשלוס לטובת אייך, וועט איר מעגליך דארפן צוריקצאלן אייער בענעפיטן.***

**WE ARE YOUR DOL**

NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. Department of Labor

## ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס אפטיילונג

# פראגעס און ענטפערס וועגן אייער ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן היירינג

דעם ביכל ענטפערט איינפאכע פראגעס וועגן אייער ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיטן היירינג. עס ערקלערט וויאזוי איר זאלט זיך צוגרייטן צום היירינג און וועלכע רעכטן איר האט ביים היירינג.

TC 424.2 (2/22)

**וואס איז א הירינג?**
א הירינג איז אן אומפארמאלע געריכט געהאלטן צו באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט צו ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס ("UI") בענעפיטן אדער נישט. עס ווערט אנגעפירט דורך אן אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער ("ALJ") ביים ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר ("DOL").

**ווער איז דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער?**
דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער, אויך אנגערופן אן ALJ, איז אן ארבעטער פון דער UI אפיעל באורד פון דער DOL. דער ALJ מוז פארזיכערן אז אלע צדדים האבן א יושר'דיגע געלעגנהייט צו ווערן אויסגעהערט, פארשטעלן באווייז, און באקומען א יושר'דיגע באשלוס. נאך דער הירינג, וועט דער ALJ ארויסגעבן א באשלוס וועגן אויב איר זענט יא אדער נישט בארעכטיגט פאר UI בענעפיטן.

**פארוואס זאל מען האבן א הירינג?**
איר קענט פארלאנגען א הירינג זיך צו קעגנשטעלן צום DOL'ס באשלוס צו אפזאגן אייער בענעפיטן. דער DOL וועט אייך מעלדן פונעם באשלוס און סיבה פאר'ן אפזאג דורך פאסט אין א "מעלדונג פון באשטימונג." אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיטן סיבה, קענט איר פארלאנגען א הירינג דורך שיקן א בריוו צום DOL. אייער פארלאנג מוז זיין פאסט-געסטעמפלט ביז 30 טעג פונעם דאטום וואס איז געדרוקט אויפ'ן מעלדונג פון באשטימונג.

אייער געוועזענער ארבעטסגעבער קען פארלאנגען א הירינג זיך צו קעגנשטעלן צום DOL'ס באשלוס אייך צו שענקען בענעפיטן. דער הירינג קומט פאר צו באשטימען אויב אייער געוועזענער ארבעטסגעבער'ס קעגנשטעלונג איז ריכטיג.

**ווער קען אנטייל נעמען אינעם הירינג?**
- איר און איינער וואס קען אייך העלפן פארשטעלן אייער קעיס. דער מענטש קען זיין אן אדוואקאט, א באפולמעכטיגטע אגענט, פארבאנד פארשטייער, אדער בלויז א פריינט.
- אייער געוועזענער ארבעטסגעבער אדער זייער פארשטייער(ן), וועלכע קען ענטהאלטן אן אדוואקאט.
- איר און אייער געוועזענער ארבעטסגעבער האבן ביידע דער רעכט צו ברענגען עדות'ן.
- דער DOL קען שיקן א פארשטייער צו פארטיידיגן איר באשלוס.

**קען איך איבערקוקן מיין פייל איידער דער הירינג?**
יא. סיי ווען איידער דער הירינג, קענט איר רופן דער ALJ אפטיילונג צו ערלעדיגן צו זען אייער פייל.

**וואס זאל איך ברענגען צום הירינג?**
איר זאלט ברענגען סיי וועלכע פאפירן וואס איר האט באקומען פון דער UI אפטיילונג פונעם DOL. איר זאלט אויך ברענגען סיי וועלכע פאפירן אדער אנדערע באווייז וואס וועט שטיצן אייער פאזיציע אזויווי קאנטראקטס, בריוון, פעי-סטאבס, ארביטרעישין באשלוסן, פאראייניגטע האנדלען אפמאכן, ארבעטער האנטבוכער אדער אנווייזונגען, דאקטער'ס בריוון, און בילדער.

בשעת דער הירינג, זאלט איר בעטן דער ALJ צו אננעמען די פאפירן צום רעקארד. אין באשליסן אייר קעיס, קען דער ALJ נאר זיך רעכענען מיט די פאפירן אדער אנדערע באווייז אידענטפיצירט ביים הירינג און אנגענומען צום רעקארד נאך דער אנדערע צד האט געהאט א געלעגנהייט עס איבערצוקוקן.

אייער געוועזענער ארבעטסגעבער קען אויך בעטן דער ALJ אנצונעמען באווייז און דער ALJ קען אננעמען פאפירן פון אייער פייל צום רעקארד. איר האט דעם רעכט צו איבערקוקן סיי וועלכע באווייז איידער דער ALJ נעמט עס אן פאר'ן רעקארד.

**וואס פאסירט ביי א הירינג?**
אנצוהויבן דער הירינג, וועט דער ALJ אידענטיפיצירן די צדדים און די פראבלעמען וואס דארפן ווערן אדרעסירט ביים הירינג. דער ALJ קען דאן פרעגן פראגעס פון אייך, אייער געוועזענער ארבעטסגעבער, און סיי וועלכע עדות'ן וואס סיי וועלכע צד קען האבן.

דער ALJ קען הערן אייער געוועזענער ארבעטסגעבער'ס צד ערשט. אלע עדות'ן וועלן ווערן טעיפ-רעקארדירט און גענומען אונטער שווערונג. ביידע צדדים קענען פארשטעלן פאפירן און אנדערע פיזישע באווייז.

איר, אייער געוועזענער ארבעטסגעבער, און אייערע אדוואקאט(ן) אדער פארשטייער(ן), קענען אויך פרעגן פראגעס פון סיי וועלכע עדות'ן. דאס ווערט אנגערופן "קרייץ-פארהער." אויב איר האט פראבלעמען, קענט איר בעטן דער ALJ פאר הילף.

בשעת דער הירינג, קען דער ALJ באשטימען צו באטראכטן נייע פראגעס וועגן אייער קעיס וועלכע שטייען נישט אינעם "מעלדונג פון באשטימונג" אדער דער ארבעטסגעבער'ס קעגנשטעלונגען. אויב נייע פראגעס ווערן גערעכנט, מוז דער ALJ האבן א גוטע סיבה פאר זיי רעכענען און מוז דאס ערקלערן צו אייך. אויב איר זענט נישט צוגעגרייט צו אדורכדערן א נייע פראגע, האט איר א רעכט צו "אפשטופן" אייער הירינג זיך צוצוגרייטן.

ביים ענדע פונעם הירינג, קענט איר און אייער געוועזענער ארבעטסגעבער געבן שליסונג דערקלערונגען וואס נעמט צאם אייער קלאגעס.

**קען איך ברענגען עדות'ן?**
יא. איר קענט ברענגען סיי וועלכע מענטש(ן) צום הירינג וואס קען צושטעלן אינפארמאציע צום ALJ וואס שטיצט אייער צד. אייער געוועזענער ארבעטסגעבער קען אויך ברענגען עדות'ן. איר, אייער געוועזענער ארבעטסגעבער, און די ALJ וועט קענען אויספרעגן אלע עדות'ן.

**וואס איז אויב איך קען נישט באקומען די באווייז אדער עדות'ן וואס איך דארף?**
אויב איר דארפט א דאקומענט, אדער אנדערע באווייז, וואס וועט אייך העלפן אויפווייזן אייער קעיס, אבער איר קענט עס נישט באקומען פון דער מענטש וואס האט עס, קען דער ALJ אייך העלפן. דער ALJ קען צווינגען דער מענטש וואס האט דער באווייז עס צו שיקן דורך ארויסגעבן א פאפיר פאר זיי וואס ווערט אנגערופן "סאפינא." איר קענט בעטן דער ALJ ארויסצוגעבן א סאפינא און אויב זיי ערפולן אייער פארלאנג, וועט דער ALJ אפשטופן דער הירינג כדי דער סאפינא זאל קענען געשיקט ווערן.

ענליך, אויב איר דארפט א וויכטיג עדות צו קומען צו אייער הירינג, אבער דער עדות אנטזאגט זיך, קענט איר בעטן דער ALJ צו צווינגען דער עדות צו ערשיינען דורך ארויסגעבן א סאפינא. נאכאמאל, דאס וועט פאראורזאכן דער הירינג צו ווערן אפגעשטופט.

אויב איר דארפט נישט דער ALJ'ס הילף צו באקומען א פאפיר אדער עדות, אבער איר דארפט צייט עס צו באקומען, קענט איר בעטן דער ALJ פאר מער צייט. דער ALJ וועט אייך נאר געבן מער צייט אויב איר האט א גוטע סיבה עס צו פארלאנגען.

אויב איר האט אן עדות וואס שטימט צו צו זאגן עדות אבער קען נישט, פאר סיי וועלכע סיבה, קומען צום הירינג, קענט איר בעטן דער ALJ צו ערלויבן דער עדות צו זאגן עדות דורכ'ן טעלעפאן.

אייער געוועזענער ארבעטסגעבער און דער DOL האבן די זעלבע רעכטן צו באקומען באווייז אדער עדות'ן.

**קען איך ברענגען אן אדוואקאט אדער איינער מיר צו העלפן?**
יא. איר קענט ברענגען אן אדוואקאט אדער איינער אנדערש צום הירינג אייך צו העלפן. אויב איר קענט זיך נישט ערלויבן צו דינגען אן אדוואקאט, קענט איר מעגליך באקומען איינס אומזיסט דורך אייער ארטיגע לעגאלע הילף סאסייעטי (Legal Aid Society) אדער לעגאלע סערוויסעס אפיס. נאר אן אדוואקאט אדער א רעגיסטרירטע אגענט קען רעכענען א פרייז אייך צו העלפן (און דאן נאר אויב איר געוואונט). סיי ווער קען אייך העלפן וואס רעכנט נישט א פרייז. אייער געוועזענער ארבעטסגעבער קען אויך ברענגען אן אדוואקאט אדער אגענט.